„RADOMER-KIELCER LEBEN“ № 20 (108) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem“ יאהרגאנג דריטער פרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען


הײַנט 10 זײַטען.

אדרעסען

פון „ראדאמער קעלצער לעבען“

אין ראדאם

Redakcja i Administracja

**„Radomer Kielcer Leben“**

Radom, Szwarlikowska 20.

אין קעלץ

Redakcja i Administracja

**„Radomer-Kielcer Leben“**

Kielce, Stano-Warszawska 34.



אנאנסען פרייזן!

איין מילימעטער שורה: פאר׳ן טעקסט 20 גר.

„ „ אין „ „ 40 „

„ „ נאכ׳ן „ 18 „

די ערשטע זייט ענטהאלט 8 שפאלטען

אין טעקסט אין לעצטע זייט 4 „


ראדאם דינסטאג ה׳ סיון ערב שבועות ת פ״ו — פאר׳ן אינהאלט און טעקסט פון די אנאנסען איז די רעדאקציע נישט פעראנטווארטליך — 18-go Maja


## BANK KUPIECKI w KIELCACH

**Spółdz. z ogr. odp. ul. Wesoła 22**

## די קאאפעראטיווע סוחרים-באנק

ערלעדיגט אלערליי באנק-אפעראציעס פינקטליך און צו מעסיגע פרייזען, צאהלט די איינקאסירטע געלדער אין דעם זעלבען טאג און נעמט אויך אן וועקסלען פון די קלענסטע סומען אויף שפאר-ביכלעך.

## קאנקורס.

ס׳יפרט געזוכט א ענערגישע רוטינירטע גיורא-קראפט, וועלכע איז פעהיג איבערצונעמען זעלבסטשטענדיג די לייטונגען פון דער שחיטה אין קעלץ.

בעדינגונגען נאך געגענזייטיגען אבמאך

ס׳ווערט געפאדערט קענטעניס אין ווארט און שריפט די פוילישע און יודישע שפראך.

איינגעהענדיגע אפערטען מיט בעשרייבען פון לעבענס-לויף (curriculum vitae) ווי אויך אבשריפטען פון צייגענישען נעמט אן ביזן 1—טען יוני 1926 די אידישע קהלה אין קעלץ.

### די אידישע קהלה פערוואלטונג

אין קעלץ.

## קאנקורס.

די געזעלשאפט „טאז“ אין ראדאם מאכט בעקאנט, דאס עס ווערט נעזוכט א אינטעליגענטע אנפיהרערין פון דער זומער-קאלאניע אין גארבאטקע, וואו עס וועלען ארויסגעשיקט ווערען בערך 100 קינדער. די יעניגע, וואס בעזיצען ענטשפרעכענדע קוואליפיקאציעס, אויס׳ן געביטע פון ווירטשאפט, דארפען איינגעבען באלד זייערע אפערטען

אין סעקרעטאריאט פון „טאז“, לובלינער 58, ביי ד״ר פאמראק.

### געזעלשאפט „טאז“ אין ראדאם.

## BANK KUPIECKI w RADOMIU

Spółdz. z ogr. odp. **plac 3-go maja 5 telef. № 14.**

די קאאפעראטיווע סוחרים-באנק נעמט אן וועקסלען פון די קלענסטע סומען אויף שפאר-ביכלעך, ערלעדיגט אלערליי באנק-אפעראציעס פינקטליך און צו מעסיגע פרייזען, צאלט אויס די איינקאסירטע געלדער אין דעמזעלבען טאג.

Kino **„CORSO“** w Padomiu.

פון מאנטאג דעם 17-טען מאי ביז דאנערשטאג דעם 20-טען איינשליסליך

## אין נאמען פון צאר
אדער ווער איז דער פאטער

10 גרויסע אקטען, אן׳אונגעהויער געשריי פון אן׳אומגליקליכע פרוי, וואס ווייסט נישט ווער איז דער פאטער פון איהר קינד.

אין דער הויפט ראל די עקראן-מייסטערין: ליא דע פוטטי.

פון דאנערשטאג דעם 18-טען מאי

*Tancerka z Casino de Paris.*

די פרוי, וועלכע מען קען נישט קויפען פאר קיין געלד.

## יעדע ווירטין דארף וויסען,

אז די מאשטש צו פאדלאגעס.

**„JAŚNIEJ SŁOŃCA“** גיט צו די פאדלאגעס, פאסאזקעס און לינאלעאום א שיינע און לאנגדויער-האפטיגען גלאנץ אהן בענוצען זיך מיט בערשטען.

# „Jaśniej Słońca“

פערטרעט אייל-פארב, פארבט ווייס פאדלאגעס אין פערלויף

פון א שעה אויף די פארבען:

מאכאניאווע און טינקעל ארזשעכאווע

פרובט און איהר וועט זיך איבערצייגען!

פערקויף אין אלע סקלאד-אפטעטשנעס, זייף און פארב געשעפטען.

Fabryka przetworów techno chemicznych

**„MARY“** Warszawa, (Sielce) Zajączkowska 9. Tel. 419.69

## הערען און דאמען!

פערלאנגט נאר די בעסטע שוה-פאסטע

# „MARY“

ייער ס׳האט איינמאל פרובירט האט זיך איבערצייגט, אז די בעסטע שוה-פאסטע איז נאר

## „MARY“

וואס מאכט בעקוועם און ווייך די לעדער און פערשאפט א הערליכען שפיגעל-גלאנץ.

Fabryka przetworów techno-chemicznych

**„MARY“** Warszawa (Sielce) Zajączkowska 9. tel 419 69

## דער צוזאמענפאהר פון די פאלק'ס און סוחרים-בענק.

זונטאג, דעם 9 טען ה. ח איז אין לאקאל פון אידישען סוחרים-פעראיין פארגעקומען א צוזאמענפאהר פון די פאלק'ס-און סוחרים-בענק פון דער גאנצער קעלצער וואיעוואדסטווא מיט'ן אנטייל פון די פארשטעהער פון ווארשא ה"ה: ראסנער, פינקעלקרויט און בירקענהאמער.

פון די ראדאמער קאאפעראטיווער בענק זענען געווען 3 דעלעגאטען. די ה"ה: מאנישעווסקי (האנדווערקער באנק) דיאמענט און פינטע פרענקעל (יודישע ספאלדזיעלנא 3 מאי).

אויספיהרליכער אין נעכסטען נומער

## א נייע פאסט-אבטיילונג.

אנהויבענדיג, פון 1 טען מאי ה. י. איז אויף דער קעלצער באהן-סטאציע געעפענט געווארען א 2-טע פאסט-אבטיילונג, וועלכע ערלעדיגט גענויע אלעס אזוי ווי די שטאטישע צענטראל-פאסט און איז טעטיג פון 9 ביז 11 פריה און פון 3 - 5 נ. מ. זי נעמט אויך אן טעלעפאנישע געשפרעכען. זונטאג און אלע קריסטליכע ימים-טובים איז די פאסט אבטיילונג אפען פון 9 — 11 פריה. דאס איז א זעהר בעקוועמע זאך פאר די איינוואינער פון דער צווייטער העלפט שטאדט.

## פון קינא „טשארי" אין קעלץ.

זייט עטליכע וואכען איז טעטיג דער נייער קינא „טשארי", וואו ס'ווערען דעמאנסטרירט די הערליכסטע בילדער פון סעזאהן. דער נייער קינא האט זיך ערווארבען ביי דער גאנצע בעפעלקערונג אין קעלץ פיל סימפאטיע.

דער קינא ווערט אויך צאהל-רייך בעזוכט מצד דער יודישער בעפעלקערונג.

דער אינהאבער פון נייעם קינא איז א אינטעליגענטער און סימפאטישער מענש, א סך פון די קינא ארבייטען ווערען אויסגעפיהרט דורך יודען.

אויך דער ארקעסטער בעשטעהט פון יודען, דער קינא דירעקטאר ה' ביעלסקי האט ספעציעל אראבגעבראכט איינעם פון די בעוויסטע און פאפולערסטע ראדאמער יודישען פידלער, ה' פאנעלמאן, מיט זיינע 2 זיהן אויך טאלאנטפולע פידלער און פיאניסטען.

## וועגען די גאסען—זאמלונגען.

ווי מיר האבען שוין געמאלדען, האט די וואיעוואודסטווא ארויסגעגעבען א פעראָרדנונג, לויט וועלכער ס'ווערען בעגרעניצט דאס איינאָרדנען פון גאסען—זאמלונגען (בלימעל-טעג) אין פערקויף פון אבצייכנונגען.

לויט דער דאזיגער בעגרעניצונג, האבען אין קעלץ געקאנט איינגעאָרדנעט ווערען בלויז 3 אזעלכע זאמלונגען אין משך פון גאנצען יאהר.

איצט, ווי מיר דערוויסען זיך, זאל די היגע סטאראָסטווא האבען געמאלדען, אז די דערמאנטע פעראָרדנונג איז צוריקגעצויגען געווארען און די סטאראָסטווא וועט האבען דאס רעכט צו ערטיילען ערלויבענישען אויף אזעלכע אונטערנעמונגען לויט איהר איינזעהן.

חיים זיעלאָני.

# פון ווערטער צו מעשים.

ס'איז שוין פערביי א לאנגע צייט, זוי מ'האט ביי אונז אין שטאדט, אנגעהויבען רעדען וועגען שאפען א רעטונגס-קאמיטעט און אדורכפיהרען א ברייטע רעטונגס-אקציע. מ'האט נישט בלויז גערעדט, נאר מען איז אבגעזעצען שעה'ן לאנג, טעג און נאכט, מ'האט אפילו ארויסגעלאזט אויפרופען מיט גרויסע אונטערגעשטראכענע קדוש-לבנה-אותיות, אפעלירענדיג צום הייליגען מאראלען געוויסען פון די רחמנים בני רחמנים און מ'האט געהאלטען אין איין טראכטען, וואס מ'זאל טהוען, ס'זענען ארויסגעזאגט געוואָרען פערשידענע פלענער, וואס פאר א פאָרם די רעטונגס-אקציע זאל אננעמען און וואסערע מיטלען ס'זאלען צו דעם בענוצט ווערען. קיינער האט אבער נישט געצווייפעלט אין דעם יסוד, און דער עצם זאך. און איינס איז פאר אלע קלאר געווען, אז די זאך טאר, אויף קיין מינוט נישט אבגעלייגט ווערען, אז דער קאמיטעט מוז זאפארט געשאפען ווערען, ווייל יעדע שעה, יעדע מינוט איז פערבונדען מיט סכנת-נפשות, מיט פיקוח-נפש.

צווישען די פערשידענע עצות פון אונזערע כלל-טוער איז געווען די אקטועלסטע, צו שאפען א גמילת-חסדים קאסע מיט א קאפיטאל פון 20,000 זלאטעס אויף לאנגטערמיניגע אָהן פראצענטיגע הלואות פאר סוחרים און קליינהענדלער.

אזא קאמיטעט איז געשאפען געוואָרען. א קאמיטעט פון בעוואוסטע כלל-טהוער און אויך פון מענשען בעלי-כיס אין וועמענס שפיץ ס'איז געשטאנען דער נאציאנאלער עסקן און באנקיר ה' א. י. מאשקאוויץ און אנדערע.

אמת, דער קאמיטעט איז געווען בלויז א ארגאניזיר-קאמיטעט, אבער באלד נאכ'ן ערשטען אויפרוף, איז מען געבליבען שטעהן, סטאפ! און ווייטער געהט מען נישט.

ווער געדענקט דען נישט די שעהנע דרשות, וואס זענען געהאלטען געוואָרען דורך די פרנסים, וועגען דער דראהענדער לאגע, אויף איינע פון די זיצונגען פון קהלה-ראט, פאָדערענדיג פון דער קהלה-קאסע א וואס שנעלערע און גרעסערע הילף לטובת די קריזיס-ליידענדע: ארבייטסלאזע, סוחרים, קליינהענדלער און ארבייטער.

די קהלה פערוואלטונג, נישט קוקענדיג אויף איהר חראנישען געלד-מאנגעל, האט זיך צו דעם הייסען רוף צוגעהערט און האט סובסידירט א סומע פון 5000 זלאטעס, אמת נאך נישט אויסגעצאהלט, נאר ווער ס'געדענקט גוט, האבען די האנדווערקער פארשטעהער צוגעזאגט זיך צו בעמיהען צו שאפען געלד אויפ'ן חשבון פון די דורך דער קהלה צוגעזאגטער סובסידיע.

ס'איז געשאפען געווארען א קאמיטעט פון עטליכע פערזאן און מ'האט געהאט דאס רעכט צו גלויבען, אז אויך דער קאמיטעט וועט זיין אויפגאבע ערפילען.

די הונגעריגע און נויט-ליידענדע ווערען אבער ענטוישט, הערענדיג אז מ'רעדט וועגען זיי, אז מען טראכט וועגען זייער ביטערען גורל. אז מען קלערט צו פערבעסערן זייער לאגע און ס'געהט אדורך א טאג נאך א טאג א וואך נאך א וואך, אהן וועלכע ס'איז נאר הילף, ווערען זיי נאך מעהר פערצווייפעלט און פער'יאוש'ט.

מיט רוהיגע געמיטער וועלען מיר זיך א נידערזעצען ביים שעהן-סערווירטען און בעצירטען טיש פון מאכלים-טובים אינ'ם הייליגען יום-טוב פון מתן-תורה, אינ'ם יום טוב, וואס מיר זענען אויפסניי מקבל די פסוקים פון „פתוח תפתח את ידך" און „נתן תתן" פערגעסענדיג אבער, אז אין הונדערטער אידישע הייזער גייט מען פשוט אויס פון נויט, נישט האבענדיג אפילו קיין שטיקעל ברויט.

ס'וואלט שוין ענדליך צייט געווען, אז אינזערע „בעלי טובות" זאלען נישט שפילען אויף יענעמס נערווען און נישט זיין קיין לועג לרש. אין אלע שטעדט און שטעדטליך פון פוילען זענען אזעלכע רעטונגס-קאמיטעטען געשאפען געווארען. מען צאהלט שטייער פון שטובען, מען גיעט דעם „הילפס-גראשען", מ'ארדענט איין פערשידענע זאמלונגען א. אז. וו. ס'זענען דא פערשידענע הכנסה-קוועלען, נאר מ'דארפט זיי זוכען. אונזערע חכמים האבען אונז געלערענט: „יגעת ומצאת תאמין", מ'דארפט נאר האבען דעם ערליכען ווילען, לשמה ממש, נישט לשם כבוד. דאמאָהלס, וועט אזא קאמיטעט געוויס בעקומען די ווארימסטע מיטהילף און הערצליכסטע אונטערשטיצונג מצד דער גאנצער אידישער בעפעלקערונג.

ס'איז אויך שוין א בעוואוסטע זאך, אז אונזערע אמעריקאנער הילפס-קאמיטעטען גיבען נאר דאמאלס א בעדייטענדע שטיצע ווען זיי זעהען, אז מ'יר טהוען אויך עפעס מיט אייגענע כחות. זייער ענטפער איז: „וויפיעל איהר וועט געבען וועלען מיר געבען דאפעלט" טא צוליב דעם אליין טאקי, וואלט זעהר כדאי געווען צו רעאָרגאניזירען דעם קאמיטעט און איבערגעהן פון ווערטער צו מעשים.

אונזער קוזינקע **סאָלאָמעע אײַזענמאַן**

צו דער פערלאָבונג מיט ה'

**איזאַאק פשעדנאָוועק**

וואונשען מיר א הערצליכען מזל טוב, זאָל זייער וועג

מיט בלומען בעציערט זיין אויף אימער און עוויג.

**דוד בלאַטמאַן** עט פרוי.

---

צו דער פערלאָבונג פון אונזער ליבע טאָכטער **סאָלאָמעע אייזענמאַן** מיט ה' **איזאַאק פשעדנאָוועק**, וואָס איז פאָרגעקומען אין תל–אביב, וואונשען מיר א הערצליכען מזל–טוב זאָל זייער זיווג געשלאָסען זיין אין א מאָמענט פון גליק און ברכה.

עלטערען **אייזענמאַן**.

---

Drogiej siostrze **Salomei Ejzenman** z okazji zaręczyn z p. **Izaakiem Przednowkiem** życzymy, aby słońce w Erec opromieniało drogę jej życia.

**LAKSOWIE.**

---

Z intencji zaręczyn mojej kochanej siostry **Salomei Ejzenmanówny** z p. **Izakiem Przednowkiem** życzymy Im aby gwiazda szczęścia sprzyjała im wiecznie.

**Abramostwo Ejzenman.**

---

**Kino „CZARY" w Radomiu.**

פון מאָנטאג דעם 17-טען ה. ח. ווערט דע-מאָנסטרירט דער געניאַלער פילם פון יודישען לעבען א. נ.

# חרם

טראגעדיע אין 7 גרויסע אקטען.

---

דער לאַנג-עקזיסטירענדער

# זיראַרדאָווער-סקלאַד

יעצט לובלינער גאַס № 5

עמפפעהלט אלע סאָרטען **זיראַרדאָווער-סחורות** און **פלאַנדעקעס** צו ביליגסטע פאַבריקס-פרייזען מיט גוטע בעדינגונגען.

(קיין שותף האָב איך נישט).

מיט אכטונג

# מ. אייזענבערג

---

*Kino „ODEON" w Radomiu.*

פון מאָנטאָג דעם 17—טען ווערט דעמאָנסטרירט דאָס קאָלאָסאַלע בילד א. נ.

# דוד און גלית

---

טעאַטער „ראָזמאיטאָשטשי" ראַדאָם

פעראייניגטע טרופע פון יודישען ארטיסטען-פעראיין אין ווארשא מיטן אנטייל פון די בעוואוסטע ארטיסטען. פרויען: ביאַלקאָוויטש, לובער-טאָווסקא, צאָהם, קערנער א. א. מענער: ביאַלקאָוויטש, וויענער, בלאט, שטאקמאַן, שיינער א. א.

| שבת־צונאכט דעם 22 ה. ח. | דאָנערשטאג מוצאי שבועות |
| --- | --- |
| **„שענע בעלא"** | **„תקיעת-כף"** |
| **מאָנטאג דעם 24 ה. ח.** | **זונטאָג דעם 23 ה. ח** |
| **„שמע ישראל"** | **אמעריקאנער חתן** |

נעשעפטס—פיהרער פ. ל י י כ ט ע ר.

---

# אויפרוף פון געזעלשאפט „עזרה"

## טייערע ברודער!

ס'איז אונז נישט אזוי ליב דער יעצטיגער בריף, ס'איז אונז נישט ליב צו שילדער'ן אייך די נויט פון אונזערע אָרימע ברודער, וועלכע ס'איז אייך געוויס גוט בעקאַנט — מיר אלע זעהען היינט איין טייל פון בלויז ליי-דענדע, צוליב די לעצטע האנדעל'ס-קריזיסען. ס'איז נישט היינט ווי אמאל ווען אנטקעגען איינינע צעהנדליג הונ-געריגע, איז געוועזען פיל הונדערטער פערמעגליכע און סתם בעלי-פרנסות. ביי יעדען רוף האט מען דאמאָלס גע-האט די מעגליכקייט צו פערלייכטערען די נויט פון די אומגליקליכע; היינט צום גרויסען בעדויערען, קען מען נור איינטיילען צווייערליי ליידענדע: פון איין זייט גאר א גרויסע מאַסע, וועל-כע האָט שוין יעדען מין פרנסה-צווייג פון אונטער דעם באָדען פערלוירען, מ'ליידט שוין הונגער, מ'פרירט, מ'האט נישט די מעגליכקייט זיך בשעת א קראנקהייט צו היילען א. אז. וו. פון

דער אַנדערער זייט א קלענערע צאָהל, פאר וועלכע ס'איז גור בעדראָהט דער מאָרגען און צו די לעצטע איז טאקי אונזער ווענדונג גערינכטעט: זאָל אייך דאָס געפיהל פאר ברודערליכע הילף זיין שטארקער ווי די זאָרג פאר'ן מאָר-גען! דאָס ברודערליכע געפיהל מאָהנט פון אייך רעטונג! זאָל מען האפען, אָז דער מאָרגען וועט זיין א בעסערער און לגבי אונזערע ברידער וועט מען האבען אונזער חוב ערפיהלט.

ביי אונז אין ראדאם עגזיסטירט נור איין פילאנטראפישע געזעלשאפט א. נ. „עזרה" וועלכע נעמט ארום אלע ארט שטיצעס אנהייבענדיג ביי ברויט ביז מעדעצינישע הילף. אויב מ האט נאך פאר פסח ארויסגעגעבען העכער 500 מיטאגער טעגליך, האט מען שוין גע-מוזט אויפהערען, אויך היינט ווערט נאך פערטיילט ברויט אויף שבת, אויב נאך היינט בעקומט דער קראנקער א קוויטעל צום דאקטאר, צום פעלדשער אדער די רעצעפט, וועט ליידער אין

די גאר קורצע צייט – אויב ס'וועט ווייטער אזוי האַלטען – דאס אוך נישט קאנען בעקומען: פארשולדיגט איז מען שוין פאר איינינע חדשים די דאק-טוירים, אפטייקער'ס, פעלדשער'ס פאר ברויט און ענליכע חובות. די איינ-קונפטען ווערען פון טאג צו טאג קלע-נער און ס'ערוועקט זיך די מורא. אויב די אינסטיטוציע שטעהט נישט פאר'ן אונטערגאנג און בעצייטענס מוז מען אבנעמען די פערהיטונג'ס מיטלען.

מיר הייבען אייך אָן וועקען מיט דעם געבעט: ראטעוועט די אומגליקלי-כע! מיר ווילען אז די גאנצע אירישע שטאדט זאל מיטהעלפען אין אונזער ארבייט, און איבער דעם ווילען מ'ר צוטרעטען צו שאפען א איינמאליגען זעלבסט בעשטייערונג פון 10 ביז 20 גראשען פון קאפ (פריון נפש) זאל יעדער איינער אהן אונטערשיד פון געשלעכט אדער עלטער, צו דייך-ציארים געבען אט דעם שטייער, פון די קליינע סומעס וועט זיך שאפען א פאנד, וועלכער וועט ערמעגליכען צו

שטיצען די וועלכע האבען נעכטען, אונזער הילף נישט געברויכט, היילען די יועלכע זענען קראנק צוליב הונגער און קעלט.

דאס איז דער הייסטע געבאט פון דער שעה! ס'וועלען אייך די טעג בע-זוכען ספעציעל בעפאלמעכטיגטע מיט געהעריגע קופאנען (פערזעהן מיט אונזערע סטעמפלען) ערפיהלט זשע דעריבער אייער ברידערליכען חוב!

זאל קיינער נישט בעהאלטען אין דער פרייוויליגע בעשטייערונג.

די פערוואלטונג

פון דער געזעל. „עזרה"

אין ראדאם.

---

# יודיש טעאטער אין ראדאָם!

אין ראדאָם הויבט אָן ווידער שפיע-לען יודיש טעאטער. דאָס מאָהל וועט דאָס אנסאמבל בעשטעהן פון בריטע און בעדייטענדע טעאטער-כחות, וואָס זענען בעקאנט אויף דער יודישער ביהנע. היינטיגען דאָנערשטאָג מיצא שבועות טרעט אויף די בעניייטע טרו-פע צום ערשטען מאָל אין ראדאָם.

---

ה. גרינשטייז, פעלטשער טעל. 303 פרישע פאַקען.

Redaktor i Wydawca Ch. M. Herc Odbito we własnej drukarni, Radom, Szwarlikowska 20.